בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון כ"ט

יו"ט סוכות תשפ"ד

## שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, שְׁנַת תשפ"ג -וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

### • זַיין אַ מְחַנֵּךְ 'פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה'!

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְלַמְּדִים און מְחַנְּכִים, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט אַז מִיר קֶענֶען אַרְבֶּעטְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער און אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁפִּילְט

מִיר הֵייבְּן יֶעצְט אָן דֶעם זוּמֶער זְמַן. מֶען דַארְף וִויסְן אַז זוּמֶער זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס זֵיי זֶענֶען וִוינְטֶער, זוּמֶער זֶענֶען דִי קִינְדֶער מֶער פַארְשְׁפִּילְט, נִישְׁט אַזוֹי עֶרְנְסְט צוּם לֶערְנֶען, אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער און פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע; וִוינְטֶער אִיז אַ מֶענְטְשׁ מֶער זִיצֶענְדִיג, מֶען קֶען מֶער מִיט הַאלְטְן דִי לִימוּדִים, און זוּמֶער אִיז מֶען מֶער פַארְשְׁפִּילְט. אָבֶער אַז מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ צוּגֵיין צוּ קִינְדֶער, מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אָנְצוּכַאפְּן אַ קִינְד, זַיין מֹחַ און הַארְץ, אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן זוּמֶער און וִוינְטֶער, יָא פַארְשְׁפִּילְט און נִישְׁט פַארְשְׁפִּילְט, אִין בֵּיידֶע צַייטְן קֶען מֶען אַסַאךְ אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי, און פַארְקֶערְט, בִּשְׁעַתְ'ן שְׁפִּילְן קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אַרַיינְצוּלֵייגְן אֶמוּנָה און מִידוֹת טוֹבוֹת.

### דִי מוֹסְדוֹת זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי וִוי אַ מַאשִׁין, אָן מֹחַ און הַארְץ

אִיךְ רֶעד יֶעצְט צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אָבֶער אִיךְ הָאף אַז מֶען וֶועט אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם שִׁיעוּר אוֹיפְ'ן הַאטְלֵיין און עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן שְׁטֶעטְל, וָואס דָארְט אִיז דִי זַאךְ מֶער וִויכְטִיגֶער. אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַזוֹי וִוי דִי מוֹסָד וַואקְסְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶס וֶוערְט גְרֶעסֶער און גְרֶעסֶער, קֶען גֶעשֶׁען אַז עֶס זָאל וֶוערְן מֶער סִיסְטָאמַאטִישׁ, מִיט רוּלְס, אָן הַארְץ. אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפִילוּ דִי קְהִלָּה און דִי מוֹסְדוֹת צוּוַאוַואקְסְט זִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי וִוי אַ מַאשִׁין, אָן מֹחַ און הַארְץ, אִיךְ וִויל אַז אַלֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי 'עֶס אִיז מַיין מוֹסָד'.

### 'דָאס אִיז נִישְׁט מַיין דְזְשַׁאבּ'...

אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן בַּיי מִיר אִין מוֹסָד מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס וָואס קוּמֶען אִין חֵדֶר און שׁוּלֶע נָאר צוּ טוּן זֵייעֶר דְזְשַׁאבּ, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט זֵיי נִישְׁט דִי קִינְדֶער אַ מִינוּט פַאר דִי צַייט און אַ מִינוּט נָאךְ דִי צַייט.

קוּקְט דִי חִילוּק צְוִוישְׁן 'חֶבְרָה הַצָּלָה' פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער און לְהַבְדִיל אַלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת פוּן אוּמוֹת הָעוֹלָם; בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מֶען הֶערְט אֵיינֶער שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, אִיז נִישְׁט דָא דִי מַחְשָׁבוֹת 'עֶס אִיז יָא מַיין דְזְשַׁאבּ', 'עֶס אִיז נִישְׁט מַיין דְזְשַׁאבּ', מֶען לוֹיפְט, מֶען צֶערַייסְט זִיךְ, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אַ סֶעקוּנְדֶע פְרִיעֶר צוּ חוֹלֶה, וִוידֶערְאוּם דִי שְׁטָאטִישֶׁע חֶבְרָה הַצָּלָה, זֵיי הָאבְּן אַ גֶעזֶעץ אַז פוּן וֶוען דִי רוּף קוּמְט אַרַיין דַארְפְן זֵיי זַיין צְוִוישְׁן אַכְט און צֶען מִינוּט בַּיים חוֹלֶה, אַז זֵיי זֶעעֶן אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דִי צַייט, בְּלַייבְּן זֵיי שְׁפִּילְן אִינֶעם אַמְבּוּלַאנְס מִיט דִי טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס... וֶוען עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ זַיין צַייט פוּן לוֹיפְן רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן, און עֶר זֶעט אֵיינֶער אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין פָארְנְט פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, עֶס גִיסְט בְּלוּט, גֵייט אִים עֶס נִישְׁט אָן, וַוייל 'דָאס אִיז נִישְׁט מַיין דְזְשַׁאבּ'...

אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן אִין מַיינֶע מוֹסְדוֹת אַזֶעלְכֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס וָואס 'טוּעֶן זֵייעֶר דְזְשַׁאבּ'... דַיין דְזְשַׁאבּ אִיז: זַיין אַ מְחַנֵּךְ 'פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה'! דָאס אִיז



מערכת 'שיעורי חינוך'

וואונטשט פאר אלע לייענערס און פאר גאנץ כלל ישראל

# א פריילעכן יו"ט סוכות



# • זיין א מחנך 'פיר און צוואנציג שעה'!

דיין דזשאב, מיין דזשאב און יעדן איד'ס דזשאב.

אז מען קומט אריין אין לאנטש רום (עס זאל) און מען זעט אז עס איז איבער געדריידט, עפעס האט זיך אויסגעגאסן, א קינד טשעפעט א צווייטע קינד, אדער אין שולע ווען עס קומט צו טאנצן מיט די קינדער, קומט נישט אריין צו זאגן: **"עס איז נישט מיין דזשאב"...** - עס איז יא מיין דזשאב! איך בין א איד און איך דארף זען אז די אידישע קינדער וואס דרייען זיך ארום מיר זאלן ווערן גוט מחונך.

## דאס איז נישט אונזער דזשאב?! איך בין א איד!

א פרוי דערציילט פאר מיין ווייב תחי', איר טאכטער איז מקורב צו היכל הקודש, זי ארבעט אין א פלעי גרופ, און זי ווייסט אז מען דארף רעדן צו קליינע קינדער פון זיין ערליך. איין טאג האט זי געזען ווי צוויי קליינע קינדער שפילן זיך נישט איידל, איז זי צוגעגאנגען צו די קינדער און געזאגט: **"דער אייבערשטער איז דא, מען טאר דאס נישט טון!"** א צווייטע לערערין איז דורך געגאנגען און געזען ווי זי רעדט צו די קינדער, האט זיך איר פארגעהאלטן: **"פארוואס זאגסטו זיי אז מען טאר דאס נישט טון?!"** ענטפערט זי: **"וואס הייסט? איך זע ווי די צוויי קינדער טוען וואס מען טאר נישט!"** ענטפערט די לערערין: **"דאס איז נישט דיין דזשאב! די עלטערן וועלן זאגן פאר די קינדער וואס זיי האבן צו זאגן, און מיר דארפן נאר זען אז די קינדער זאלן זיין צופרידן, זיי זאלן אהיים קומען פארשטעלטערהייט, און קענען די לימודים וואס מיר לערנען!"**

עס איז נישט צום גלייבן אז א היימישע מענטש זאל אזוי רעדן. דאס איז נישט אונזער דזשאב?! איך בין א איד! אפילו ווען איך גיי אין גאס, און איך זע צוויי קינדער באהאלטן זיך און טוען נישט איידעלע זאכן, אפילו איך בין נישט זייער מלמד, און זיי זענען אפילו נישט פון מיין קרייז, דארף איך זיי זאגן: **"קינדערלעך מען טאר דאס נישט טון, דער אייבערשטער איז דא!"**

כל שכן וכל שכן אז מען ארבעט אין א מוסדות דארף מען זען צו העלפן מיט וואס מען קען נאר, צו מחנך זיין אידישע קינדער.

## לערנען מיט די קינדער

איך האף אז מען שטייט אויף דעם אז די מלמדים און לערערינס זאלן לערנען מיט די קינדער וואס מען דארף, מען קען נישט סתם זיצן און גארנישט טון, קינדער דארפן קענען דאווענען, ליינען, הלכות, און אין בית פיגא לערנט מען אויף די פירוש המילות פונעם דאווענען.

## געבן גוטע ווערטער

איך וויל אייך בעטן אז חוץ די לימודים וואס מען לערנט מיט די קינדער זאל מען אויך געבן גוטע ווערטער פאר די קינדער. דאס זאל זיין דער עיקר פארוואס א לערערין קומט אין שולע, צו געבן גוטע ווערטער פאר די קינדער. עס איז נעבעך דא קינדער וואס ווערן געטשעפעט פון זייערע עלטערן, זיי ווארטן אויף א גוט ווארט פון זייער מלמד און לערערין.

איך האב געהאט א מעשה, א קינד איז צוגעקומען צו מיר זאגן: **"איך גיי נישט אהיים, מיין מאמע האט מיך פיינט, מיין מאמע זאגט מיר זי גייט מיך הרג'ענען, זי גייט מיר צעשניידן!"** עס איז נישט א קינד וואס חלומ'ט און מאכט אויף מעשיות, ווייל איך הער עס פון דער אינגל און די מנהלת הערט עס פון די שוועסטער.

נישט אלע מעשיות וואס קינדער דערציילן דארף מען אנעמען, ווייל היינט איז געווארן א נייע וועלט, אויב א מאמע זאגט פאר א קינד וואס צו טון, צום ביישפיל, זי לאזט נישט איר קינד גיין שלאפן ביי א צווייטע הויז, מיינט שוין אז 'מיין מאמע אביוז'ט מיך'! דאס הייסט נישט אביוז'ן, איך האב אויך קיינמאל נישט געלאזט מיינע קינדער גיין שלאפן ערגעץ אנדערש, איך געב זייער אכטונג אויף זיי.

אבער עס איז דא פעלער וואס עלטערן טשעפען זייערע קינדער, זיי שרייען אויף די קינדער, זיי צעקלאפן די קינדער, דארף מען זען צו געבן פאר אלע קינדער גוטע ווערטער.

## געמאכטע גוטע ווערטער

מען קען נישט געבן קיין געמאכטע גוטע ווערטער, איך ווער פאראיבלט ווען איך הער געמאכטע גוטע ווערטער. א קינד דארף א הארציגער מלמד, א הארציגע לערערין, וואס זאל זאגן: **"ביסט אזוי ספעציעל"**, **"ביסט אזוי וואויל"**.

## א קינד פרייט זיך אפילו מיט פשוט'ע ווערטער

מען דארף אפילו נישט זאגן עפעס ספעציעל, א קינד פרייט זיך אפילו מיט פשוט'ע ווערטער, ווי: **"א גוטן מארגן"**, **"א גוטן טאג"**, **"וואס הערט זיך?"** **"ווי אזוי איז געווען ענקער שמחה?"** **"ווי אזוי איז געווען דיין שבת?"** **"וואו ביסטו געווען יום טוב?"** **"ווי אזוי איז געווען די שמחה?"** **"וואס האסטו געבעטן פאר אפיקומן?"** **האסט שוין געטראכטן וואס דו האסט געדארפט איינצוקויפן?"**

איינער פרעגט מיר: פארוואס שטעלט דער ראש ישיבה אפ יעדע אינגל פון פסח אינדערפרי ביז א וואך נאך פסח, און פרעגט אים: **"וואס האסטו געבעטן פאר אפיקומן?"** - וואס גייט מיר אן וואס ער האט געבעטן פאר אפיקומן?! איך הער אפילו נישט וואס ער ענטפערט מיר, אבער אזוי איז עס, א קינד פרייט זיך צו שטיין נעבן דיין ראש ישיבה און זען ווי ער איז נייגעריג אין אים, עס איז שוין נישט קיין חילוק וואס דער ענטפער איז, וואס ער האט געבעטן, אויב ער געדענקט נישט אדער ער האט גארנישט געבעטן, דאס אליינס אז מען אינטערעסירט זיך אויף אים דאס איז פאר אים לעבן.

## א קינד ווערט צעטראכטן השם ישמרינו

איך זיץ יעצט מיט די הנהלה אויסצושטעלן דעם קומענדיגן יאר, ברוך השם עס גייט א יאר נאך א יאר, מען האט קוים אנגעהויבן דאס יאר און מען גייט שוין אנהייבן נאך א יאר, וויל איך אייך בעטן, ווער עס האט נישט קיין כח, ער איז שוין אויסגעברענט, זאל מיר זאגן, ווייל איך דארף נישט קיין מלמדים וואס זענען סיסטעמאטיש, וואס זאגן אויף יעדע זאך: **"דאס איז נישט מיין דזשאב"**, ווען א באאס פארט אריבער א קינד, א קינד ווערט צעטראכטן השם ישמרינו, קומט נישט אריין צו זאגן: **"איך בין נישט דער באאס רבי"**, די זעלבע זאך מיט יעדע זאך אין חדר און אין שולע, ווען מען זעט סיי וואס דארף מען זען וואס מען קען העלפן דעם קינד, מען

## המשך שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, שְׁנַת תשפ״ג -קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א

קֶען עֶס אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר׳ן מְנַהֵל, זָאגְן אַז עֶפֶּעס קוּקְט נִישְׁט אוֹיס דֶער קִינְד מְסוּדָר, דֶער קִינְד שְׁמֵייכְלְט נִישְׁט, עֶר זֶעט אוֹיס צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, זֶע אִיךְ אוֹיף אַ בָּחוּר׳ס פָּנִים אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נִישְׁט בְּסֵדֶר, בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר? דוּ זֶעסְט נִישְׁט אוֹיס גוּט, דוּ הָאסְט אַ טוֹיטֶע פָּנִים, אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט דִיר, אֵיינֶער רוֹדֵף׳ט דִיר?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"יָא!"** אַ בָּחוּר פַּיינִיגְט אִים, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ מְסַדֵר גֶעוֶוען דֶעם פְּרָאבְּלֶעם. אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט זָאגְן: **"דָאס אִיז נִישְׁט מַיין דְזְשַׁאבּ!**

**אִיךְ קוּם אִין יְשִׁיבָה צוּ זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן זֵיי זָאלְן זִיצְן אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, זִיךְ שָׁאקְלֶען מִיט דִי גַארְטְל"...** אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן הַארְץ אִין דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער עִיקָר!

### נַיין אַזֵייגֶער מֵיינְט 'נִישְׁט צַייטְלִיךְ'

אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס מֶען זָאל זַיין צַייטְלִיךְ. אַז מֶען קוּמְט אָן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, מִיט דִי נְשָׁמָה אִין דִי הַאנְט, מֵיינְט עֶס: "נִישְׁט צַייטְלִיךְ!"

נַיין אַזֵייגֶער דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין בַּארוּאִיגְט אוּן אָפְּגֶעאָטֶעמְט פוּן דִי שְׁוִויצְן פוּן דִי לַאנְגֶע וֶועג בִּיזְ׳ן חֵדֶר, מֶען דַארְף שׁוֹין

### • זַיין אַ מְחַנֵךְ 'פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה'!

הָאבְּן עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן אוּן זַיין אִין כִּתָּה גְרֵייט אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ גֵיין בַּיינַאכְט, וואוּ צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיינַאכְט; אַז מֶען אִיז אַ מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין דַארְף מֶען גֵיין שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא בַּיינַאכְט.

אוֹיבּ הָאט מֶען אַ שִׂמְחָה אוּן מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט מוּז מֶען פַארְדֶעם מְסַדֵר זַיין אֵיינֶער וָואס זָאל אִיבֶּער נֶעמֶען, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין כִּתָּה מִידֶערְהֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס שְׁלָאגְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

מַיין פִיר יֶערִיג אִינְגֶל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁלָאגְן אוּן טֵיילְן מַכּוֹת פַאר יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט אִים אִין וֶועג, מַמָּשׁ יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט קְלֶעפּ פוּן אִים מִיט אַ שִׁירֶעם; וָואס טוּט מֶען?

וֶוען אִיךְ שְׁלָאג אִים הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים הֶעלְפְט זִיכֶער נִישְׁט, אָבֶּער דֶער מַצָּב אִיז שׁוֹין נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן. אִיךְ קֶען אִים שְׁלָאגְן גָאר שְׁטַארְק אוֹיף אַ וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן אַ קִינְד, אָבֶּער אִיךְ וֵויס בַּיי מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ פַארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט? יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעוָואלְט צוּבִּינְדְן דִי הֶענְט אוּן פִּיס אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט וֵויי טוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶעהַאלְטְן; וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער יָא טוּן?

עֶר וֶוערְט צֶעוִוילְדֶעוֶועט מַמָּשׁ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט נִישְׁט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְן מִיט אִים; וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלָאגְן הֶעלְפְט נִישְׁט, שְׁרֵייעֶן הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טוּט נָאר פַאר חִינוּךְ נֶערְוֶועזֶערְהֵייט - הֶעלְפְט נִישְׁט.

חִינוּךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, טו): "שֵׁבֶט וְתוֹכַחַת", דֶער שְׁטֶעקְן אוּן דִי שְׁטְרָאף רֵייד, "יִתֵּן חָכְמָה", גֶעבְּט חָכְמָה פַארְ׳ן קִינְד; אַז מֶען לֶערְנְט אַ קִינְד וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - וֶוערְט עֶר קְלוּג. נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין אִיז זֵייעֶר גְרִינְג בַּיים אָנְהוֹיבּ, אָבֶּער בַּיים סוֹף קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג, אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט וַוייטֶער (שָׁם): "וְנַעַר מְשֻׁלָּח", אוּן דֶער קִינְד וָואס אִיז פַארְשִׁיקְט, דָאס הֵייסְט מֶען לָאזְט אִים גֵיין אוּן קוּמֶען, טוּן וָואס עֶר וִויל - "מֵבִישׁ אִמּוֹ", פַארְשֶׁעמְט זַיין מַאמֶע.

חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", אַ קִינְד אִיז צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵיי. עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן צְוֵויי יָאר אַלְט - צוּ פָאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, נִישְׁט דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן. וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס? דוּרְךְ זָאגְן אֵיין מָאל אוּן צְוֵויי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל אוּן הוּנְדֶערְט מָאל אוּן טוֹיזְנְט מָאל: "מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ טַאטֶע", "מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ מַאמֶע" - בִּיז דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֶלְטֶערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם", עֶס אִיז גֶעזוּנְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי, "לְבִלְתִּי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם" נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צִי שְׁטַארְק צוּ זֵיי, "לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם", זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, "רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי; וַוייל וֶוען מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ צִי סַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער - מֵיינֶען דִי קִינְדֶער אַז טַאטֶע אִיז אַ חַבֶר, רֶעדְן זֵיי צוּם טַאטְן וִוי צוּ אַ חַבֶר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת ויצא תשפ״ג, קונטרס 279)

### וִוי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת אִין חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה׳תשפ״ג

**לְכָבוֹד דִי מְלַמְדִים פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל**

הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן נַארִישֶׁע אוֹיפְגֶעטְרַאכְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דְרַאמַאטִישׁ מִיט פַארְמַאכְטֶע לֶעקְטֶער וְכוּ' וְכוּ'; עֶס קֶען דֶערְשְׁרֶעקְן דִי קִינְדֶער וְכוּ'. עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, עֶנְדֶערְשׁ לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, לֵייגְט אַרַיין אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מוּסָר, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים פְלַאמְט אוֹיף דִי נְשָׁמָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים עֶפְנְט דִי הַארְץ מֶען זָאל אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן זַיין אַ צַדִיק.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ בֶּעטְן דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס אוּן דִי בָּאס מְלַמְדִים, מֶען זָאל אָנְצִינְדְן נָאר טֶעיפְּס פוּן בַּעֲלֵי מְסַפְּרִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן נִיגוּנִים פוּן בַּעֲלֵי מְנַגְנִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ וָוארְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל הֶערְן אַז מֶען צִינְדְט אָן מַעֲשִׂיּוֹת אָדֶער נִיגוּנִים פוּן לֵצִים, דָאס אִיז בַּיי מִיר דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, מֶען זָאל גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דֶערְצֵיילְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. וַוייל נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז אַדְוֶוערְטֵייזְט אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן אוֹיסְגַאבֶּעס – מֵיינְט יִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁט יֶעדֶע קִינְדֶער טֶעיפּ וָואס מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס מֵיינְט אַז דָאס מֶעג מֶען הֶערְן, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער זִינְגֶער וָואס גֵייט מִיט אַ שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל מֵיינְט אַז עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים.

...

(עצתו אמונה פרשת וירא תשפ"ג, קונטרס 276)

## אִיבֶּער דְרַייסִיג מִשְׁפָּחוֹת אַרָאפְּגֶעסֵיינְט פוּן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז שׁוֹין אִיבֶּער דְרַייסִיג מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעסֵיינְט פוּן דִי גְרוּפְּס פוּן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ, אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיף עֶנְקֶער גְרוּפּ פוּן בַּאקוּמֶען אַלֶע הוֹדָעוֹת פוּן דִי קְהִילָה אוּן שְׁטֶעטְל – אוֹיפְ'ן הֵיים טֶעלֶעפָאן; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס עֶנְק טוּעֶן.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז נָאר אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז שֶׁעדְלִיךְ אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אוֹיךְ אַ פָּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאן מִיט טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ קֶען זַיין זֵייעֶר נִישְׁט גוּט פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, מֶען קֶען זִיךְ פַארְטִיפְן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן פַארְגֶעסְן פוּן מַאכְן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט; אַנְשְׁטָאט אָנְגְרֵייטְן עֶסְן אוּן מַאכְן דִי וֶועשׁ – זִיצְט מֶען מִיט דִי טֶעלֶעפָאן אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי מֶעסִידְזְשׁ.

אִיךְ דַאנְק עֶנְק פַארְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן קֶענֶען מִיט הַאלְטְן אַלֶע אַקְטִיוֶועטֶעטְן אָן הָאבְּן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ.

אוֹיבּ קֶען אִיךְ בֶּעטְן, אוֹיבּ מֶען קֶען אַרוֹיפְלֵייגְן מַיין הֵיים נוּמֶער אוֹיף דִי סִיסְטֶעם; מִיר ווִילְן אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַלֶע הוֹדָעוֹת פוּן שְׁטֶעטְל. מִיר וואוֹינֶען נָאכְנִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, אָבֶּער דִי קָאפּ אוּן הַארְץ אִיז שׁוֹין דָארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת חיי שרה תשפ"ג, קונטרס 277)

## מֶען דַארְף בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, וֶועגְן שְׂכַר לִימוּד; הֶעלְף מִיר, שְׁטֵיי נִישְׁט פוּן דֶער זַייט, שְׁפִּיל נִישְׁט שֵׁיינֶער אִיד. טֵיילְסְט צְדָקוֹת רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, מַאכְסְט זִיךְ דַיין דִירָה שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער אוּן וֶוען מֶען בֶּעט שְׂכַר לִימוּד – מַאכְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג.

שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין נְדָבָה, שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ חִיוּב; מִן הַתּוֹרָה הָאסְטוּ אַ מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער דִינְגֶען אַ מְלַמֵד פַאר זֵיי; שְׁטֶעלְן אַ שְׁלִיחַ זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי בַּאצָאלְן.

אַז מֶען שְׁפִּילְט מִיט שְׂכַר לִימוּד, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים? אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד – אִיז דָאס גְנֵיבָה וּגְזֵילָה, אוֹיךְ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער; אִיךְ זָאג דִיר נָאר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט.

מִיר הָאבְּן גֶעהֶעכֶערְט פַאר דִי מְלַמְדִים זֵייעֶר גֶעהַאלְט; דִי אַלֶע מְלַמְדִים וָואס אַרְבֶּעטְן שׁוֹין אַפָּאר יָאר אוּן זֵיי הָאבְּן מִשְׁפָּחוֹת – הָאבְּן מִיר יֶעצְט גֶעהֶעכֶערְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם, אוּן דִי לָאךְ וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער.

מִיר בֶּעטְן וֵוייניג שְׂכַר לִימוּד וַוייל מִיר ווִילְן נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַז דוּ זוּכְסְט אַ גוּטֶע צְדָקָה צְוֶועק – קֶענְסְטוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, דִי פְּרַייז וָואס מֶען וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט בֶּעטְן. אוֹיךְ קֶענְסְטוּ אֶפְשָׁר בַּאצָאלְן פַאר קִינְדֶער וָואס קֵיינֶער צָאלְט נִישְׁט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ ווִיסְנְדִיג מַאכְן אוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד צָאלְן מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין צַייט.

...

(עצתו אמונה פרשת ויחי תשפ"ג, קונטרס 283)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com



קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876